# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

SUBSCRIPTION PRICE
50 CENTS A YEAR

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JUNE, 1925.
VOL. VI. No. 10



**BETH SAR SHALOM**
**Williamsburg Mission To The Jews**
Throop Avenue and Walton Street
Brooklyn, N. Y.

**OUR MEETINGS:**

Sunday, Gospel Service.................8.00 P. M.
Friday, Gospel Service.....................8.00 P. M.
Monday, Testimony Meeting.....8.00 P. M.

**ASK OUR TRACTS**

1. To both Houses of Israel.
2. The Voice Crieth.
3. The Logic of the Changed Calender.
4. Cain and Abel.
5. What is His Name;
6. Behold a Virgin.
7. Messiah shall be cut off.
8. The Argument.

## A JEWISH LAWYER'S QUESTION

One of our readers, a Jewish lawyer, asked us the following questions:- "The Christian people have always been declaring that the Jews cannot have Palestine before they accept Christ as their Saviour. Now they are in possession of Palestine. How do you reconcile the Christian idea with the Zionist situation?"

Answer. The Christians are quite right. We Jews will never have Palestine in a permanent and peaceful possession until we accept the Lord Jesus Christ as our Saviour. It is true that the Jews are now being allowed to go back to Palestine under the British mandate, but who among the most enthusiastic Zionists would hope to claim that this constitutes a peaceful and permanent possession of Palestine? The clouds are gathering fast over that land and world statesmen are already predicting that the most terrible war the world has ever seen will take place within a few years, in which war Palestine will be the storm center and the Jews the greatest victims.

Now this is exactly in line with what the Word of God has declared, and consequently in full accordance with what Christians also have believed concerning these things.

What is the Christian belief with regard to the restoration of the Jews? It is nothing else than the declaration found in the Word of God. Let us refer to such scriptures and you will have a clear understanding of this subject. The Lord Jesus Christ told the Jews, "I say unto you, ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord". Matt. 23:39. The Jews cannot have the Messiah Jesus come to them until they will pray for His coming and welcome Him as their Saviour and Messiah. And this they will eventually be compelled to do. In Ezek. 20:34-38 and Ezek. 22:20-22 we read:

> And I will bring you out from the people, and will gather you out of the countries wherein ye are scattered, with a mighty hand, and with a stretched out arm, and with fury poured out.
>
> And I will bring you into the wilderness of the people, and there will I plead with you face to face.
>
> Like as I pleaded with your fathers in the wilderness of the land of Egypt, so will I plead with you, saith the Lord God.
>
> And I will cause you to pass under the rod, and I will bring you into the bond of the covenant.
>
> And I will purge out from among you the rebels, and them that transgress against me: I will bring them forth out of the country where they sojourn, and they shall not enter into the land of Israel: and ye shall know that I am the Lord.
>
> As they gather silver, and brass, and iron, and lead, and tin, into the midst of the furnace, to blow the fire upon it, to melt it; so will I gather you in mine anger and in my fury, and I will leave you there, and melt you.
>
> Yea, I will gather you, and blow upon you in the fire of my wrath, and ye shall be melted in the midst thereof.
>
> As silver is melted in the midst of the furnace, so shall ye be melted in the midst thereof; and ye shall know that I the Lord have poured out my fury upon you.

Now the first part of the prophecy, "and with fury poured out . . . . I will bring you out from the people" etc. has been literally fulfilled in our present day. Until thirty years ago no Jew would have thought possible a Jewish movement toward Palestine. But God's Word must be fulfilled. So He used the last World War to open the door for the Jews to go to Palestine thru the mandate of England. At the same time He permitted awful persecution to come upon the Jews nearly all over the world, which compelled them to go in the direction of the open door. Thus there are now 120.000 Jews in Palestine.

The second part of that prophecy, namely that Jerusalem will be in "the midst of the furnace, to blow the fire upon it . . . . . . and melt you" will be fulfilled a little later, for in Jer. 30:2-10 we read that God will bring again the captivity of his people Israel, but soon after there will be the "time of Jacob's trouble". It will be so great "that none is like it." Jer. 30:7. This is also confirmed by the Lord Jesus Christ in Matt. 24:21 where it says, "For then shall be great tribulation, such as was not since the beginning of the world to this time, no, nor ever shall be". But directly thru the tribulation they will be saved. The Hebrew word saved, "yeevosheah," if literally translated means that those Jews who will go thru the tribulation will become Jesus-ite, that is they will accept the Lord Jesus Christ, whose Hebrew name is Yeshua, which being interpreted means Saviour. Then in the 9th verse it explains more fully, "But they shall serve the Lord their God, and David their king, whom I will raise up unto them". Now it is well known that God speaks of the Messiah as David because of His promise that thru David would descend the Saviour, the great King.

But how will the great tribulation come to pass? We read in Zech. 12:2; 14:2-4, that after the Jews will be settled in Palestine God will cause all nations to come and fight against Jerusalem. During that war there will be left only one-third of all the Jews, for two thirds will be cut off. Zech. 13:8. It will be that great trouble that will cause the Jews to supplicate God with such earnestness as never before for their Messiah Christ to come and help them. And then they will look upon Him and will recognize Him by the pierced hands and feet. Zech. 12:10. Then in Zech. 13:1 we read that a fountain of cleansing will be opened for the Jews. Thru Christ they will be regenerated and converted and cleansed. Then the Lord Jesus will become the King of the whole world and the Jewish restoration will become permanent.

Now this is the Christian belief and they wait anxiously for that time when the Lord Jesus Christ will return and become the king of the world. This will be their greatest happiness. But if the Jews would be converted now and accept the Lord Jesus Christ, He would come immediately and our people would be saved from the great tribulation. That is why we preach and teach our Jewish brethren about the Lord Jesus Christ. Won't you believe on Him now, and thus escape the terrible agony of the fearful days that must yet come upon our people in Jerusalem?

רוהען, אבער אמשטאט ער זאל אייך אבדאנקען דערפאר, הויפט ער גאר אן צו בעל־באת'עווען אין אייער הויז, טאקע מעשה בעל בית' און וועט גאר וועלען אייך דיקטירען וויאזוי איהר זאלט אייך אויפפיהרען אין אייער הויז. איז דאס וואלט געווען א היבש ביסעל חוצפה, נאך מיט אן אונטערשלאג דערצו? אט דאס זעהען מיר אויך מיט אונז אידען דא אין אמעריקא. דאכציך מ'האט אונז דא אריין געלאזט און מיט אפענע הענד עמפפאנגען, מ'האט אונז גענעבען א היים און אלעס מעגליכע, צום סוף, ווען די אמעריקאנער גוטע פראטעסטאנטישע קריסטען האבען געוואלט אז מ'זאל אין די אמעריקאנער סקולס לערנען מיט די קינדער די ביבעל, גאטעס ווארט האבען אידען פראטעסטירט און ניט צוגעלאזט אז מ'זאל אזא "פארברעכען" באגעהן. הא, דארף מען נאך מעהר חוצפה?

אזא סארט חוצפה קען אמאל זעהר טרויריגע רעזולטאטען ברינגען: ערשטענס, קענען די אמעריקאנער אמאל איבערדריסיג ווערען און דעם וואנדערער זאגען מיט הארבע ווערטער: איך וויל ניט דו זאלסט מיר אין מיין הויז דיקטירען וואס איך האב צו טהון, אז עס געפעלט דיר ניט מייןווירטשאפט, פאשאל... צווייטענס, זעהען מיר דען נישט וואס פאר א שעדליכע פרוכט דיא גאטלויזיגקייט ברינגט אין דער וועלט? ווען מ'לערענט קיין ביבעל אין דער סקול, און די יונגע גענעראציאן וואקסט־אויף אהן יראת שמים, קראכען די רעוואלווערס, מ'האלט אין איין שרייען "שאו ידכם..." און פרעגט שוין גאר ניט, דער עלעקטריק טשער איז ביזי, די פריזאנס זיינען געפאקט ווי הערינג אין פעסל... טאטעס און מאמעס טראגען זיך נעביך ארום מיט צובראכענע צוריסענע הערצער. און אפשר האבען גאר טאקע יענע טאטעס אליין געשטערט אז מ'זאל לערנען די ביבעל אין דער סקול וואס וואלט מעגליך ניט ערלויבט צו זייער שרעקליכע טראגעדיע, אזוי ווי מיר האבען ניט לאנג צוריק ביינעוואוינט. אט דאס זיינען די פרוכט פון "חוצפה".

ישוע המשיח זאגט אין מתתיהו י"א: "למדו ממני כי עניו אנכי.. ותמצאו מנוחה לנפשכם". ד"ה, לערענט פון ישוע המשיח צו זיין אז עניו, און פערטרייבען די חוצפה וואו דער שווארצער פעפער וואקסט. ישוע המשיח האט אמאל גענומען א קליין קינד און האט געזאגט צו זיינע תלמידים: "ווען איהר וועט ניט ווערען אזוי קליין ווי אט דאס קינד קענט איהר ניט אריין קומען אין מלכות השמים". (מתתיהו 18.)

---

## גרויסע אידען

דאס בילד שטעלט פאר דעם גרויסען איד, דעם חריף, רעוו' יואל ליווי, פראפעסאר פון דער מאדי בייבל אינסטיטוט, שיקאגא, אילינאיס.

מר' ליווי איז געבוירין און אויפגעצויגען געווארען ביי זעהר פרומע עלטערן אין ליטאען. שוין אין זיין פריהער יוגענד האט ער ארויסגעצייגט סמנים פון גרויסקייט און חריפות מיט דעם וואס ער האט אלע זיינע למודים שנעל תופס געווען און דער מלמד איז תמיד צו־קליין געווען פאר איהם.



רעוו' יואל ליווי

צו דער בר־מצוה האט ער עפעס אזא קנאקעדיגע דרשה אהער געגעבען אז אלע זיינען פשוט נבהל ונשתומם געווארען אזא מין חריפות צו הערען פון א 13 יעהריגען אינגעל. מיר זעהען איהם אין מעהרערע ישיבות פלייסיג זיצען על התורה ועל העבודה ביז די אומשטענדען האבען איהם מיט זיינע עלטערן אריבער געבראכט נאך לאנדאן, ענגלאנד, און דארט האט מען באלד וואהרגענומען וויפיעל תורה און חכמה אין דעם 25 יעהריגען יונגען מאן שטעקט, און א חברה משניות האט איהם באלד איינגעלאדענט צו זיין זייער גייסטיגער פיהרער.

דער פרעזידענט פון יענער חברה האט צו יענער צייט געהאט א בן יחיד, וועלכער האט גענומען מוזיק לעסאנס אין א קאנסערוואטאריאום וועמעס פרינציפאל איז געווען א קריסט, און אט דער קריסטליכער פרינציפאל האט דעם יונגען שטודענט צו די מוזיק־לעסאנס, צוגעגעבען די אינפארמאציאנען און די ערקלעהרונגען מכח אמונה אין ישוע המשיח, באזירט אויף תורה נביאים וכתובים.

ווען דעם בן יחיד'ס פאטער, דער פרעזידענט פון דער חברה האט דאס דערהערט (דוקא שוין אביסעל צו־שפעט, ווייל זיין זאהן דער פידעלשפיעלער האט שוין געשפיעלט קריסטליכע המנעס און דיעזעלבע אויך געזונגען) נו נו, עס איז דעם פאטער אודאי ניט ליכטיג געווארען אין די אויגען, סטייטש, ער א פרעזידענט פון א חברה משניות זאל גאר האבען אזא זאהן.. די הויט האט ממש אויף איהם געברענט.. דער מח האט געארבייט ווי א קעסל, צו געפינען עפעס א מיטל וואס צו טון! און אז מ'זוכט געפינט מען — קודם כל האט ער זיין זוהן פון קאנסערוואטאריאום אוועק גענומען, און האט געבעטען אונזער גרויסען איד, דעם גייסטיגען פיהרער פון זיין חברה, ער זאל ארויס רופען דעם קאנסערוואטאריסט אויף אן עפענטליכער דעבאטע כדי איהם די פליגעל ארונטער צו קלאפען און ניט מעהר בעאיינפלוסען אנדערע צו דער דאזיגער אמונה.

ביי יענער היסטארישער דעבאטע זיינען אנוועזענד געווען אסאך פאראינטערעסירטע מענשען פוןביידע צדדים. דרונטער, רבנים און פאסטארען, און האבען שפאנענד צוגעהערט ווי די צוויי דעבאטאנטען פיהרען די גייסטיגע מלחמה. איינער פ י ר ישוע המשיח און דער צווייטער ד א ג ע ג ע ן. דער ערשטער וואס איז געווען דאפיר, האט געבראכט פאקטען און בעווייזען פון תנ"ך אז ישוע המשיח איז אמת, און דער אנדערער, דער צד שכנגדו, האט זיך נעביך גערדאפעט אויף גראדע ווענט יענעמס ארגומענטען אראפ צו קלאפען; ער האט באמת געארבייט מיט אלע זיינע כחות... אבער ער איז לגמרי געבליבען אהן לשון. ווייל פאקט בלייבט פאקט אונטער אלע אומשטענדען. די בעווייזען פון דעם אידישען תנ"ך זיינען געווען אזוי בולט אז ישוע המשיח איז דער גואל ישראל, אז אונזער גרויסער איד האט ניט נור אליין דאס ניט געקענט ווידערשטרייטען מיט זיינע פערזשאוועטע ארגומענטען, נייערט ער אליין האט אויך אנגעהויבען צו דענקען, מי יודע?

יענעם אבענד, נאך דעם ויכוח, האט זיך אונזער גרויסער איד, דער באזיגטער העלד, אויסגעריבען די אויגען, און האט געזוכט א תנ"ד'ל דרין אריין צו קוקען. ער האט אבער אויסגעפונען אז צווישען דער גרויסער שאפע מיט ספרים פארמאגט ער גאר ניט אזא ספר'ל וואס הייסט תנ"ך און ער האט זיך באלד דעם פאלגענדען טאג א תנ"ד'ל געקויפט ביי א מוכר ספרים, און נאכגעזוכט און שטודירט די אלע שטעלען וואס ס'איז יענעם אבענד ביי דער דעבאטע ציטירט געווארען. ער האט אזוי לאנג געזוכט און גענישטערט דרין ביז ער האט דארט דערזעהן אז ישוע איז באמת דער משיח אלהי יעקב אין וועם אלע נביאות וועגען א משיח זיינען ערפילט געווארען און "הבא לטהר מסייעין אותו".. ער האט באלד דעם פאלגענדען שבת אין זיין לעצטער דרשה דאס דערצעהלט זיין חברה, און האט די חברה איבערגעלאזט מיט א זיי געזונד.

מר' ליווי איז באלד אוועק נאך גלאזגא, שאטלאנד, שטודירען אין דער אוניווערזיטעט פון וואו ער איז שפעטער ארויסגעקומען מיט צוויי טיטלען און מ'האט איהם באלד אויפגעכאפט נאך פיטסבורג אלס מיסיאנאר וואו ער האט גע'דרש'ענט צו דער אידישער מאסע די דברי אלהים חיים, די פערשפראכענע הבטחות ערפילט אין ישוע המשיח. און שפעטער האט מען איהם געזעהן פאסענד אנצופערטרויען די פעראנטווארטליכע שטעלע אלס פראפעסאר אין דער גרויסער מאדי בייבל אינסטיטוט פון שיקאגא, וועלכע איז די גרעסטע אין איהר פאך.

פאר צוויי יאהר צוריק האט ער באזוכט באפאלוי נ. י. וואו ער איז פלוצים קראנק געווארען און געשטארבען בקדושה ובטהרה אין זיינע בעסטע יאהרען. מסתמא איז זיין מיסיאן דא אויף דער ערד געענדיגט געווען האט מען איהם אהיים גערופען צו עמפפאנגען די קרוין פון זיין משיח וואס זיצט לימין הגבורה, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים ק"י: "נאם ד' לאדני שב לימיני עד אשית איביך הדם לרגליך".

יהא זכרונו ברוך.

מקור איז אין תנ"ך!

דאס טרויריגסטע דרין איז: אז ווען מ'ציינט א איד א קאפיטעל פון תנ"ך וואס זאגט אונז בפירוש פון ישוע המשיח, אמשטאט דאס צו גלויבען, נעמט מען אזא קאפיטעל און מ'צודרעהט און צוקריפעלט דאס מיט פשעטליך און מיט חקירות אז משה רבינו אליין וואלט דאס ניט מעהר דערקענט. דעם אידענס פילאזאפיע איז ליידער נאך תמיד: "כפטיש יפוצץ סלע נתחלק לכמה נציצות", ד"ה, צוהאק, צודרעה, פארקריפעל און דרש'ן אזוי ווי דו ווילסט, אבער ניט ווי גאט וויל.

וואלטען אבער אידען יא געלערענט דאס תנ"ך און יא געפונען דרין דעם הייליגען משיח און יא אין איהם געגלויבט, וואלט צווישען אידען ניט געווען אזא מיינונגס פערשידענהייט, קיין צוריסענע און צובראכענע גליעדער ווייל דער "העברעאישער מארטאר" וואלט אונז אלע פעסט צוזאמצימענטעוועט אזוי ווי די 13 קאלאניסטען זיינען געווען פעראייניגט דורך די לעהרע פון תנ"ך און דער אמונה אין הייליגען משיח.

בחנם פערווארפען אידישע מנהיגים דעם הייליגען משיח ווייל גאט האט אויף איהם אמאל געזאגט "ואני נסכתי מלכי על ציון הר קדשי", גאט ב"ה האט זיין חותם געגעבען אז ישוע המשיח איז אמת. מ'שטיינס געזאגט, וואס קענען די מנהיגים נאר אויספיהרען! אלע מענשליכע שאפונגען פארגעהען אבער דער הייליגער משיח (מימרא ד') ער בלייבט לנצח נצחים. ער האט קיין נעכטען און קיין מארגען, קיין אנהויב און קיין סוף, און "אשרי כל חוסי בו", וואויל איז יעדען וואס שיצט זיך אין איהם. (תהלים ב')

## וויענער אידישע חוצפה

מיט א קורצער צייט צוריק האבען אונז די צייטונגען געבראכט א טשיקאווע שטיקעל נייעס וואס איז אייניגערמאסען איינאייציג אין דער וועלט.

דאס וואס מ'זאגט אז "אידען האבען חוצפה" איז דוקא קיין נייעס אין דער וועלט. ווייל וואו אימער אידען זיינען פאראן באנוצט מען דאס ווערטל אלס א סלאגען, א שלאג ווארט: "אידישע חוצפה". אבער נירגענד איז דער וועלט האט נאך אירגענד וועלכעס געריכט צוגעשטימט און אנערקענט אז ס'איז פאראן אזא זאך ווי אידישע חוצפה. אבער אין וויען, די הויפט שטאדט פון עסטרייך, איז דאס געזעצליך אנערקענט און פראקלאמירט געווארען, אז בכן, עס איז יא פאראן "אידישע חוצפה".

דאס איז פארווירקליכט געווארען דורך דעם בעקאנטען ציוניסט, דר' שטריקער, וועלכער האט געריכטליך אנגעקלאגט א געוויסען אנטיסעמיט וואס האט באשולדיגט אידען אז זיי האבען צופיעל חוצפה. דער פראצעס האט זיך געצויגען פאר א לאנגע צייט ביז ס'איז אנגעקומען צום וויענער סופרים קאורט. דער פועל יוצא איז געווען, אז דער ריכטער האט דעם אנטיסעמיט רעכט געגעבען און האט געזעצליך זיין באשטעטיגונג ארויסגעגעבען זייענדיג איינשטימיג מיט דעם אנטיסעמיט, אז ס'איז יא דא אזא זאך ווי "אידישע חוצפה".

דאס האט דר' שטריקער שטארק פערדראסען, און אזוי ווי ער איז דער רעדאקטאר פון דער אידיש־ציוניסטישער וויענער מארגען צייטונג, האט ער אין זיין בלאט אטאקירט דעם ריכטער פאר זיין אנטיסעמיטישען אורטייל. דיעזער ארטיקעל האט ווידער שטארק פערדראסען דעם ריכטער און ער האט דר' שטריקער בעשטראפט צו בעצאהלען צעהן מיליאן קראנען פאר בעליידיגען דאס געריכט.

וואס איז אייגענטליך די אורזאך וואס האט אזוי פעסט געשטעלט אין דער גאנצער וועלט אז אידען האבען חוצפה, מעהר ווי אלע אנדערע מענשען? איז דאס פשוט א בלבול אדער איז דאס טאקע א פאקט?

עס קען ניט זיין אז מ'קוקט אויף אידישער חוצפה דורך רעליגיעזע אויגענגלעזער, ד"ה, ווייל אידען ווילען ניט גלויבען אין ישוע המשיח אין וועם א וועלט מענשען גלויבען ־ ווייל עס זיינען דאך דא אויך אנדערע נאציאנען וואס האלטען זיך מעהר עקשנות'דיג, נאך שטארקער און פעסטער ווי אידען זיינען געגען דעם איינציגען משיח אלהי יעקב, און דאך זאגט מען ניט אויף זיי אז זיי האבען חוצפה אזוי ווי מ'זאגט אויף אידען. למשל די כינעזער, זיי האלטען זיך פעסט ביי זייערע מנהגים און ביי זייער "הייליגען" גלויבען און פרינציפען פון גערעכטיגקייט יושר און מאראל. זיי זיינען אזוי פער'עקשנ'ט מיט זייער קליידונג און מיט זייערע צעפ אז זיי זיינען זיך פשוט מוסר נפש פאר זייער רעליגיאן און מנהגים. פיעל מאל האט עס פאסירט אז די כינעזער האבען זיך צוזאם גענומען אין גרופען און האבען מיט גרויס בעגייסטערונג געפיהרט א מלחמה של מצוה געגען קריסטליכע מיסיאנערען וואס האבען צו זיי גע'דרש'ענט אז אנדערע רעליגיאן מ'האט יענע כינעזער גרופען פערשיערענע צונעהמען אבער מ'האט זיי קיינמאל ניט געשטעמפעלט מיט דעם שלאגווארט "כינעזישע חוצפה".

אזוי איז עס אויך מיט די אראביש־מאכמעדאנער וועלכע האבען געשטריטען א מלחמה של מצוה געגען שפאניען און זיי באזיעגט און די שפאנישע ארמעע האט דאמאלס געהאט א גרויסע מפלה. איצט האבען זיי זיך גענומען צו פראנקרייך און צייגען ארויס א ריעזיגע שטארקייט וועלכעס פערורזאכט פראנקרייך צו זיין שטארק בעזארגט. אלץ ווייל די מאכמעדאנער האלטען זיך אזוי פעסט צו זייער גלויבען און מנהגים. וויפיעל אנדערע פעלקער און משפחות גיבט עס נאך עד היום וואס האלטען זיך פעסט ביי זייערע ראסען אייגענטהימליכקייטען און אידעאלען, און דאך האט מען זיי ניט געבראנדמארקט אלס "חוצפה".

זאלען מיר ווידער זוכען די אורזאך דערפון אויף דעם געביעט פון האנדעל, ד"ה, ווייל אידען פראדוצירען און באגליקען אזוי שטארק אין מסחר, מיט דעם וואס זיי זיינען קלוג און בעהאוונט, געניעט און פראקטיש אין האנדעל? יא, אויך דאס קען ניט זיין די אורזאך וואס מ'רופט א פאלק קאלעקטיוו אלס "חוצפה'דיג, ווייל עס זיינען פאראן אנדערע פעלקער וואס זיינען מעהר מסוגל צו מסחר ווי דער איד איז, און דאך רופט מען זיי ניט אן מיט דעם "עהרען טיטעל". ס'איז דא אן אלטעם שפריכווארט, אז די אורזאך פארוואס עס זיינען אזוי וועניג אידען דא אין סקאטלאנד איז, ווייל די סקאטלענדער פארשטעהען בעסער צו טוהן ביזנעס ווי די אידען. אידען קענען מיט די סקאטלענדער ניט קאנקורירען. און דאך איז ניטא אזא זאך ווי "סקאטלענדער חוצפה".

איז דאך צוריק די קשיא פארוואס זאגט מען גראד אויף אידען אז זיי זיינען חוצפה'דיג און אלס אזאלכע געריכטליך ערקלעהרט אין א וויענער געריכט?

די אנטווארט איז, אז גאט ב"ה האט נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק געשטעמפעלט דעם אידישען כאראקטער אלס חוצפה'דיג. אין ישעיה ט' פסוק ח' רופט ער זיי אן א פאלק וואס איז "בגאוה ובגדל לבב". אין ירמיה י"ג זאגט גאט: "ככה אשחית את גאון יהודה". און זייער חוצפה וועט זיין אז "אזור לא יצלח". און אין זעלבען קאפיטל פסוק 15 ווארענט גאט: "שמעו והאזינו אל תגבהו כי ד' דבר". אין הושע ה, 5 הייסט עס: "וענה גאון ישראל בפניו". ד"ה, אז די חוצפה פון ישראל וועט ערנידעריגט ווערען. עס זיינען פאראן פיעל מעהר שטעלען אין תנ"ך וואו גאט בעקלאגט זיך אויף דער אידישער חוצפה דורך וועלכע אונזער אידישער אומגליק איז געקומען.

ביים צווייטען בית המקדש, כאטש דאס אידישע פאלק איז געווען אונטערדריקט פון רוים און זיי האבען ניט געהאט אזאלכע וואוילטעג ווי זיי האבען געהאט ביים ערשטען בית המקדש, האבען זיי דאך ארויסגעוויזען דיזעלבע אלטע חוצפה זאגענדיג "אברהם איז אונזער פאטער!" קומט אבער דער נביא יוחנן המטביל און שרייט געוואלד "אידען טהוט תשובה, רעדט אייך ניט איין אז אברהם איז אייער פאטער ווייל גאט איז אומשטאנד צו בעשאפען קינדער פאר אברהם אפילו פון דיעזע שטיינער". (מתתיהו 3)

אבער אזוי ווי זיי האבען ניט אויפגענומען די ווארנונג פון גאט דורך די נביאים האבען זיי אויך נישט צוגעהערט די ווארנונג פון יוחנן. ווען ישוע המשיח איז געקומען און האט צו זיי אפענבארט זיין שליחות אז ער איז דער משיח און וויל זיי העלפען, האבען זיי מיט זייער געוועהנליכער חוצפה איהם פארווארפען איהם זאגענדיג "מיר זיינען די בני אברהם!" (יוחנן ח) ישוע המשיח האט אבער צו זיי געזאגט ווען איהר וואלט זיין די בני אברהם וואלט איהר געטהון אזוי ווי אברהם האט געטהון, אברהם האט ניט געהאט קיין גאוה קיין חוצפה, נייערט ער האט ליעב געהאט דעם אמת אין גאט'ס ווארט און ער האט דאס זעלבע מיט גרויס עניוות פארקינדיגט.

ישוע המשיח האט צו זיי גערעדט ווי א געטרייער טאטע צו זיינע קינדער, איהר זאגט אז איהר האט תורת משה, ווייסט איהר דען ניט אז משה רבינו האט זיך געהאלטען קלענער פון אלע מענשען אין דער וועלט און איהר האלט אייך גרעסער פון יעדען אין דער וועלט.

די חוצפה איז אמשטארקסטען בולט ווען איהר ליעבער לעזער וועט אריין נעמען אין אייער הויז אן ארעם־פערפאלגטען־וואנדערער, איהר וועט איהם געבען אבצועסען און איהם לאזען זיך אויס־

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דינען משיח

SUBSCRIPTION PRICE
50 CENTS A YEAR

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JUNE, 1925.
VOL. VI. No. 10


## דעם פרעזידענטס רעדע א ווארנונג צו אידען

אם דריטען מאי האט פרעזידענט קולידזש געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאר דער נייער געבײדע פון דעם רזשואיש קאמיוניטי סענטער אין וואשינגטאן, ד. ס. צו וועלכער געלעגענהייט ער האט געהאלטען א וואונדערבארע רעדע. זיינע ווערטער זיינען געווען געריכטעט ניט נור אליין צו די אידען אין אמעריקא נייערט צו כל ישראל אין דער גאנצער וועלט.

דער תמצית פון זיין רעדע איז געוועזען: אז אידען דארפען לערנען דאס תנ"ך און זיך באנעמען לויט יענעם גייסט וואס קוועלט ארויס פון דארט אזוי בולט.

אנגעהויבען זיין רעדע האט ער מיט דער באמערקונג: אז אין דיעזען יאהר וועט געפייערט ווערען דאס אנדענקען פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע וועלכע האט שטאטגעפונען 150 יאהר צוריק. דערפאר איז עס פאסענד ־ האט דער פרעזידענט געזאגט ־ אז מיר זאלען זיך דערמאנען וויאזוי דיעזע גרויסע אמעריקאנער נאציאן האט יענע שווערע אויפגאבע דורכגעפיהרט.

ער האט אנגעוויזען וויאזוי די קאלאניעס זיינען דאמאלס געווען צוטיילט אין פערשיעדענע אידעען, אידעאלען און מיינונגען. זיי זיינען געווען פאנאנדערגעטיילט אין זייערע אנשויאונגען אין באצוג וויאזוי א רעגירונג דארף געפיהרט ווערען עס איז שווער געווען פאראויס צו זאגען וויפיעל פון יענע 13 קאלאניעס וועלען זיך קענען פעראייניגען אין איין בונד אום דורכצופיהרען די רעוואלוציע.

ווייטער האט מר' קולידזש געזאגט, אז דאס תנ"ך איז געווען דאס איינציגע מיטעל וועלכעס האט געבראכט צו א פאלקאמענע פעראייניגונג צווישען אלע קאלאניסטען. ער האט ציטירט אן אויסצוג פון דעם געוויסען היסטאריקער מר' לעקי, וועלכער שרייבט אז דער "העברעאישער מארטאר האט צוזאם־צימענטעט דעם פונדאמענט פון דער אמעריקאנער דעמאקראטי".

מר' לעקי ־ האט דער פרעזידענט נעזאגט ־ האט מיט דעם געמיינט דאס אידישע תנ"ך וועלכעס האט אויסגעאיבט א שטארקען איינפלוס איבער אלע קאלאניסטען און האט זייערע פיהלונגען און סימפאטיעס צוזאמען געשמאלצען און זיי געמאכט איינס ווייל אלע האבען געהאט זייער שטארקען גלויבען און פערזיכערונג אין דיא כתבי הקודש, אין די דברי אלהים חיים.

זיי, די קאלאניסטען האבען שטודירט דאס אידישע תנ"ך און זיינען בעקאנט געווארען מיט משה רבינו, שמואל הנביא, דוד המלך און מיט אלע אנדערע אידישע גדולים פון תנ"ך, וועמעס לעהרע האט זיי געהאלפען אין זייער רעוואלוציע, און דא איז א ביישפיעל ־ האט דער פרעזידענט געזאגט ־ :

די קאלאניסטען האבען גע'טענה'ט, אזוי וויא ענגלאנד צווינגט זיי צו צאהלען טעקסעס, זאל ענגלאנד האבען די התחייבות אנצוערקענען זייערע לעגאלע רעפרעזענטאציעס. ווען די קאלאניסטען האבען אבער קיינע רעפרעזענטאציעס אין ענגלישען פארלאמענט, דארפען זיי אויך קיינע טעקסעס צאהלען צו ענגלאנד .

דיעזען ארגומענט האבען די קאלאניסטען געלערענט פון תנ"ך וואו עס ווערט אנגעצייגט דאס גרויסע אונרעכט וואס פרעה מלך מצרים איז בעגאנגען געגען די אידען ווען ער האט זיי געצוואונגען צו מאכען ציגעל אהן שטרוי און אזוי ווי מ'קען ניט מאכען ציגעל אהן שטרוי אזוי קען מען ניט צאהלען טעקסעס אהנע רעפרעזענטאציעס.

נאכאמאל און ווידער אמאל האט דער פרעזידענט אונטערשטראכען דעם מעכטיגען כח און דאס גרויסע גייסטיגע ליכט וואס ליגט אין אידישען תנ"ך, און האט זיין רעדע געענדיגט מיט דעם הייסען וואונש און געבעט אז אלע וואס לעבען אונטער דער אמעריקאנער פאהן זאלען גוט געדענקען אז די פאטריאטען וואס האבען געגרינדעט דיעזע רעפובליק האבען בעצויגען זייער אמונה און חיות נור פון דעם תנ"ך וועלכעס איז "דער העברעאישער מארטאר" וואס האט צימענטעט דעם פונדאמענט פון אמעריקאנער דעמאקראטיע, און כדי די אמעריקאנער דעמאקראטיע זאל בלייבען שטאנדהאפט, וועלכעס איז די גרעסטע האפנונג פון הומאניטעט, מוז מען זיך פעסט אנהאלטען אן דער אמונה פון תנ"ך.

מיר האבען באקומען א געדרוקטע קאפי פון פרעזידענט'ס רעדע דירעקט פון פרעזידענט'ס סעקרעטארי, וועלכע מיר האבען דורכשטודירט און געפונען אז די אבען דערמאנטע ציטאטע וועגען תנ"ך, איז דער סובסטאנץ פון דעם פרעזידענט'ס גאנצע רעדע. מיר זעהען אין דעם א ווארנונג פאר אלע מענשען בכלל און בפרט פאר אידען, דאס תנ"ך צו לערנען, צו פארשטעהן און דרין צו גלויבען. עס גיבט קיין אנדערע זאך אין דער וועלט צו ציםענטירען דיא מענשהייט אין איינהייטליכע, פריינדליכע געזינונג ווי נור דאס תנ"ך. וויל, ווער האסט דען דעם איד? דער וואס האט קיין ידיעה פון תנ"ך און ווארום האט מען אונז דא אין אמעריקא געגעבען גלייכע בארעכטיגונג אין אלע הינזיכטען? איינציג און אליין נור ווייל די ערשטע סעטלערס דא אין אמעריקא האבען גענומען דאס אידישע תנ"ך אלס זייער וועגווייזער וועלכעס זאגט אונז אזוי קלאר וועגען ישוע המשיח וואס פלאנצט איין אין מענשליכען הערץ א ליעבע און א פארבריעדערונג צווישען מענש און מענש.

ווען מיר אידען פארפרעמדען אבער דאס תנ"ך פון מענשען און פון זיך זעלבסט, ווערען מיר אליין פארפרעמדט פון אלע אנדערע מענשען. דאס איז קיין טהעאריע נייערט א היסטארישער פאקט. איהר קענט אויסגעפינען אז אלע שונאי ישראל פון אלע צייטען זיינען געווען לגמרי איגנאראנץ איבער דעם הייליגען תנ"ך. ענגלאנד, דאס לאנד פון דער ביבעל, דעם גלייכען אמעריקא און איינינע קלענערע מדינות וואו דאס "ספר הספרים" איז שטודירט געווארען און האבען דאדורך געגלויבט אין ישוע המשיח, האבען תמיד געהאט סימפאטיע מיט'ן איד און גיבען איהם פאלקאמענע פרייהייט און גלייכהייט. ניט אזוי?

שטעלט זיך אבער איצט די פראגע, פארוואס האבען מיר אידען פארלאזען דאס תנ"ך? צוויי מעכטיגע נאציאנען האבען עס געקרוינט אלס די גרעסטע שאפונג וואס די מענשהייט פארמאגט און מיר אידען וואס קענען געניסען דערפון אם מייסטען, נעמען דעם טייערען אוצר און פארשליסען דאס אין ארון הקודש און מ'איז יוצא ווען מ'נעמט דאס ארויס דרין צו לייענען אפאר פרשות (מיט'ן טראפ) וואס ניט אלע פארשטעהען וואס מ'לייענט, און געגוג. געוואלד! גאט ב"ה זאגט דאך אבער "והגית בו יומם ולילה", עס צו לערנען און צו פארשטעהן גאט'ס מיינונג וואס ליגט דארט בעהאלטען, די הייליגקייט פון אמת וואס גאט האט דארט איינגעפלאנצט, די וואהרנעהמונג פון רוח הקדש וואס דארט איז פאראן, יא דאס האבען אידען לגמרי בעזייטיגט. נו, איז שוין א וואונדער אז אידען גלויבען ניט און פארשטעהען ניט ישוע המשיח וועמעס

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879.